# וואס זענען מיינע רעכטן?

## די רעכט זיך איינצוגעבן פאר אלע בענעפיטן און סערוויסעס

צו הערן אויב איר זענט בארעכטיגט צו באקומען פאבליק הילף (Public Assistance, PA), צוגעקומענע נערונג הילף פראגראם (Supplemental Nutrition Assistance Program, SNAP), היים ענערגיע הילף פראגראם (Home Energy Assistance Program, HEAP), טשיילד קעיר און/אדער מעדיקעיד קענט איר זיך איינגעבן ביי אייער סאושעל סערוויסעס אפיס, אדער אריינגעבן אן אפליקאציע אנליין אויף myBenefits.ny.gov. אויב איר וואוינט אין איינע פון די פינף בעראס פון ניו יארק סיטי, קענט איר זיך איינגעבן ביי אייער לאקאלע בענעפיטן צוטריט צענטער, אדער אנליין ביי www.nyc.gov/accesshra.

## די רעכט זיך איינצוגעבן פאר עמערדזשענסי פאבליק הילף

אויב איר באקומט שוין PA און עס מאכט זיך אן עמערדזשענסי, פארציילט עס גלייך פאר אייער ארבעטער. אויב איר באקומט נישט PA, פולט אויס אן אפליקאציע און זאגט פאר אן ארבעטער אז איר האט אן עמערדזשענסי. איר וועט באקומען אן אינטערוויו איבער אייער עמערדזשענסי אינעם זעלבן טאג.

## רעכט צו סקרינען און ספעציעלע סערוויסעס אויב מען גייט דורך דאמעסטישע געוואלדטאטן

אומזיסטע סערוויסעס זענען אוועילעבל פאר יעדן איינעם, מיט אדער אן קינדער, זיי צו העלפן מיט פיזישע אדער עמאציאנאלע אביוז, אדער דראאונגען פון פיזישע אביוז אדער עמאציאנאלע אביוז, פון א פאמיליע מיטגליד אדער געוועזענער הויזגעזונד מיטגליד. עס איז נישטא קיין איינקונפט באגרעניצונג כדי צו באקומען די סערוויסעס.

איר קענט רופן אן אומזיסטע 24 שעה האטליין פאר אינפארמאציע איבער סערוויסעס, אריינגערעכנט עמערדזשענסי שעלטער, סופארט גרופעס, און קאונסעלינג. די סערוויסעס וועלן העלפן צו האלטן אייער און אייער קינדערס זיכערהייט. צו באקומען אינפארמאציע און רעפערעלס צו אייער לאקאלע דאמעסטישע אביוז געוואלדטאט סערוויסעס פראוויידער:

אין ניו יארק סיטי רופט 1-800-621-HOPE (1-800-621-4673).

אין סיי וועלכע אנדערע געגנט אין ניו יארק סטעיט רופט דער NYS האטליין פאר דאמעסטישע געוואלדטאטן אויף 1-800-942-6906, טעקסט 844-997-2121, אדער שרייבט זיך אויף https://opdv.ny.gov.

אויב איר פילט זיך נישט פארזיכערט אינדערהיים, קענט איר זיין בארעכטיגט צו באקומען וועיווערס פון געוויסע PA פראגראם פאדערונגען. בעט זיך צו טרעפן מיט די דאמעסטישע געוואלדטאט ליעיזאן (Domestic Violence Liaison, DVL) פאר מער אינפארמאציע אויף וויאזוי צו באקומען די וועיווערס.

## רעכט צו פרעגן וועגן טשיילד קעיר

טשיילד קעיר הילף העלפט ארויס אן עלטערן/קעירנעמער(ס) וואס נויטיגט זיך אין טשיילד קעיר בשעת זיי ארבעטן, זוכן אן ארבעט, נעמען אנטייל אין אן עדיוקעישאן אדער טרענירונגס פראגראם און אנדערע ספעציפישע אומשטענדן צו באצאלן פאר טייל אדער די גאנצע אויסגאבע פון טשיילד קעיר.

איר קענט זיך איינגעבן דורך רופן אדער באזוכן אייער לאקאלע דיסטירקט און בעטן פאר אן אפליקאציע פעקל. אויב איר וואוינט אין ניו יארק סיטי און איר זענט אויף א PA אדער איר געבט זיך איין פאר א PA, רופט אדער באזוכט אייער לאקאלע בענעפיטן צוטריט צענטער. אויב איר געבט זיך איין בלויז פאר טשיילד קעיר הילף, רופט די ניו יארק סיטי אינפארמאציע העלפ-ליין אויף 311.

## רעכט פאר אומזיסטע שפראך סערוויסעס

אומזיסטע שפראך הילף סערוויסעס זענען אוועילעבל פאר בענעפיטן און סערוויסעס פראגראמען.

## רעכט פאר א גוטע געשריבענע מעלדונג

אויב דער דיסטריקט טרעפט אייך אומבארעכטיגט פאר די פראגראם אדער בענעפיטן וועלכע איר האט זיך איינגעגעבן פאר, באשליסט אז איר זאלט באקומען ווייניגער בענעפיטן, אדער אז אייער קעיס זאל ווערן פארמאכט, וועט איר באקומען א שריפטליכע מעלדונג וועלכע וועט אייך זאגן איבער אייער אפליקאציע און/אדער סיי וועלכע ענדערונגען אין אייער הויזגעזונד'ס בענעפיטן.

## יושר'דיגע הירינג רעכטן

איר האט דאס רעכט צו א יושר'דיגע הירינג אויב מען זאגט אייך אפ PA, SNAP, HEAP, מעדיקעיד אדער טשיילד קעיר; אויב אייערע בענעפיטן זענען אפגעשטעלט געווארן, סוספענדירט געווארן אדער פארמינערט געווארן, אדער אויב איר זענט נישט איינשטיגט מיט געוויסע אנדערע באשלוסן פון די סאושעל סערוויסעס דיסטריקט.

**LDSS-5208-YI (Rev. 10/23)**

NEW YORK STATE OF OPPORTUNITY. | Office of Temporary and Disability Assistance